**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**נאכפאלגנדיג טויט פאל אין סופאָלק קאונטי אין פארבינדונג מיט זעלטענע VIBRIO VULNIFICUS באקטעריע, גיבט גאווערנער האקול א באריכט פאר ניו יארקער איבער פובליק געזונטהייט באווארענונג מאסנאמען און אנגייענדע גרייטקייט באמיאונגען**

***ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט האט ארויסגעגעבן אנווייזונגען פאר פראווידערס איבער בעסטע סטאנדארטן צו באהאנדלען און אידענטיפיצירן פעלער***

***Vibrio Vulnificus באקטעריע קען פאראורזאכן שאדן צו די הויט און אָלסערס און עס איז געפונען געווארן אין א לעצטנס פארשטארבענער מענטש פון סופאָלק קאונטי***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז וויבריאָוסיס – א זעלטענע אבער מעגליך טויטליכע באקטעריע אינפעקציע וואס קען פאראורזאכן שאדן צו די הויט און אָלסערס (געשווירן) – איז געטראפן געווארן אין א מענטש וואס איז געשטארבן לעצטנס אין סופאָלק קאונטי. פאטאלע פעלער פון וויבריאָוסיס זענען אויך געטראפן געווארן אין קאנעטיקוט. די גאווערנער האט געמוטיגט ניו יארקער צו לערנען וויאזוי זיך צו פארמיידן פון אויסגעשטעלט ווערן און צו אונטערנעמען פאסיגע באווארענונג מאסנאמען, אזוי ווי די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט דערמאנט פראווידערס צו נעמען אין באטראכט וויבריאָוסיס ביים דיאגנאזירן וואונד אינפעקציעס אדער 'סעפסיס' וואס קומט אן א באקאנטע אורזאך.

"כאטש עס איז זעלטן, איז די Vibrio באקטעריע צום באדויער שוין אנגעקומען צו די ראיאן, און עס קען זיין גאר געפארפול", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אין די צייט וואס מיר פארשן ווייטער אויס די נושא, איז דאס קריטיש אז ניו יארקער זאלן בלייבן וואכזאם און אונטערנעמען פאראנטווארטליכע באווארענונג מאסנאמען צו האלטן זיך אליין און זייערע באליבטע זיכער, אריינרעכענענדיג באשיצן אפענע וואונדן פון ים וואסער, און מענטשן מיט אפגעשוואכטע אימיון סיסטעמען — זיך פארמיידן פון עסן רויע אדער נישט אינגאנצ געקאכטע שעלפיש וואס קענען האבן די באקטעריע."

וויבריאָוסיס ווערט פאראורזאכט דורך עטליכע סארטן באקטעריע, אריינרעכענענדיג די *Vibrio vulnificus* באקטעריע וואס געפונט זיך נאטורליך אין געזאלצענע וואסערן נעבן די ברעגעס און קענען געפונען ווערן אין העכערע צאלן פון מאי ביז אקטאבער ווען די וועטער איז ווארעמער. איפנעקציע מיט וויבריאָוסיס קען פאראורזאכן א רייע סימפטאמען ווען עס ווערט פארדייט, אריינרעכענענדיג א לויז מאגן (דייעריע), מאגן קראמפן, ברעכן, פיבער און טשילס. זיין אויסגעשטעלט קען אויך פירן צו אויער אינפעקציעס און פאראורזאכן סעפסיס און לעבנ'ס-סכנות'דיגע וואונד אינפעקציעס.

די טויט פאל אין סופאָלק קאונטי ווערט נאכאלץ אויסגעפארשט צו באשטימען אויב די באקטעריע איז געכאפט געווארן אין ניו יארקע וואסערן אדער ערגעץ אנדערש. דערווייל האט די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט די וואך פאר העלט קעיר פראווידערס צו נעמען אין באטראכט די מעגליכקייט

פון *Vibrio vulnificus* ווען זיי אונטערזוכן מענטשן מיט ערנסטע וואונד אינפעקציעס אדער מיט סעפּסיס מיט אדער אן וואונד אינפעקציעס.

**ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "מיר דערמאנען פראוויידערס צו זיין אויף די וואך פאר פעלער פון וויבריאָוסיס וואס איז נישט אפט די ערשטע דיאגנאזע וואס קומט ארויף אין קאפ. מיר עצה'ן אויך פאר ניו יארקער אז אויב זיי האבן וואונדן זאלן זיי זיך פארמיידן פון שווימען אין ווארעמע ים וואסער. און אויב איר האט אן אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם, זאלט איר זיך פארמיידן פון אנרירן אדער עסן רויע ים באשעפענישן וועלכע קענען אויך האבן די באקטעריע."

**סופאָלק קאונטי עקזעקיוטיוו סטיוו בעלאָון האט געזאגט,** "אין די צייט וואס מיר זענען פאר צו אויספארשן די מקור פון די זעלטענע אינפעקציע, איז דאס וויכטיג פאר איינוואוינער צו בלייבן אויפמערקזאם און וואכזאם מיט באווארענונג מאסנאמען וועלכע קענען אונטערגענומען ווערן. אזוי ווי אייביג, אויב סיי וועלכע איינוואוינער האבן געזונטהייט זארגן מוטיגן מיר זיי זיך צו פארבינדן מיט זייער העלט קעיר פּראָוויידער."

כאטש יעדער איינער קען באקומען וויבריאָוסיס, האבן מענטשן מיט לעבער קראנקהייט, קענסער אדער אן אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם אדער מענטשן וואס נעמען מעדיצין צו רעדוצירן עסיד שטאפלען אין די מאגן העכערע אויסזיכטן צו באקומען אן אינפעקציע אדער צו באקומען קאמפליקאציעס נאך זיי ווערן אנגעשטעקט.

צו העלפן פארמיידן וויבריאָוסיס זאלן מענטשן וואס האבן א וואונד, ווי למשל א שניט אדער א קראץ, א לעצטיגע רינגל לאך אדער טעטו (כתובת קעקע) פארמיידן צו אויפדעקן זייער הויט אין ווארעמע ים וואסער אין פלעצער נעבן ברעגעס אדער זאלן זיי איבערדעקן די וואונד מיט א וואסער-אפּשטעלנדע באנדאזש. אין צוגאב זאלן מענטשן מיט אן אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם זיך פארמיידן פון עסן רויע אדער נישט אינגאנצן געקאכטע שעלפיש, ווי אויסטערס, וועלכע קענען האבן די באקטעריע. טראגט הענטשוך וועט איר רירט אן רויע שעלפיש און וואשט גוט אפּ אייערע הענט מיט זייף און וואסער ווען איר זענט פארטיג.

מער אינפארמאציע איבער וויבריאָוסיס קען געפונען ווערן דא (https://www.health.ny.gov/diseases/communicable/vibriosis/index.htm).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418